# שלום-עליכם

## בשל כובע

— הכל נקרא אצלך מפוזר? הנה אצלנו, בכתריליבקה כלומר, יש, אתה מקשיב או לא, יהודי מפוזר, שלום־שכנא שמו, אבל קוראים לו "שלום־שכנא הסתובב־נא", בשל פיזור־נפשו אמנם, חאת ברייה מפחרת, חה מלאך מפחר, — שישמור וירחם השם! אוי־אוי, כמה שמספרים אצלנו על שלום־שכנא זה מעשיות ואנקדוטות — צרורות אני אומר לך, צרורות שלמים! חבל שאתה נחפז, זה ערב־פסח. אחרת הייתי מספק לך, 'פאני' שלום־עליכם, חומר, אתה מקשיב או לא, שיכולת אחר־כך לכתוב ולכתוב. סיפור אחד, אם רצונך, יכול אני לספר לך, מה שקרה עם שלום־שכנא זה בערב־פסח; זה מעשה בכובע, ולא סיפור בדוי, אלא 'מעשה־שהיה', "על־אמת", אף כי להיראות, נראה הוא כבדיחה.

כך פתח יהודי סוחר כתריליבקאי, הסוחר ב'אוֹבּרֶיזְקֶס' (פסולת־נייר), מלטף את זקנקנו כלפי מטה, בכיוון לצווארו, ומעשן סיגריות דקיקות, סיגריה אחר סיגריה.

אולם עלי להודות כי המעשה "על אמת" שסיפר לי היהודי הכתריליבקאי, עושה אמנם רושם של בדיחה, ומשום כך חככתי זמן רב בדעתי אם לספר לכם אותו או לא; אך שבתי והרהרתי לי: יהודי כתריליבקאי, סוחר, הסוחר בפסולת־נייר, אין לו שייכות לספרות, ואין לו שום נגיעה לסופרים, לכן, כשהוא אומר שזאת אמת, ראוי הוא לאמון; אני מוסר לכם את סיפור־המעשה הזה בלשונו הוא, מבלי להוסיף משלי אפילו מלה.

* * * *

— הוא עצמו, השלום־שכנא הזה כלומר, שאני מספר לך כי קוראים לו אצלנו בכתריליבקה "שלום־שכנא הסתובב־נא", — הוא יהודי סרסור, אתה מקשיב או לא, המסתובב סביב פריצים, מסרסר להם אחוזות! **אחוזות!** תאר לעצמך, אומרים כך, **אחוזות**. הרבה אחוזות — "עפעס' טרם שמעו ששלום־שכנא יצליח לסרסר. אבל מה שייך? לא כלום. יהודי מתחכך סביב פריצים, בעלי־אחוזות, מדבר הוא תמיד על "מבנֵי־משק", על "חורשות", "גני־פרי", "בקתות", "אדמה שחורה"... "מכונות־דיש", "כלי־עבודה", "יערות", "עצים", וכיוצא באלה דברים שיש להם שייכות לאחוזות.

שׂם לב אלוהים, אתה מקשיב או לא, אל שלום־שכנא שלנו, — לראשונה מאז שהוא סרסור של אחוזות הצליח בידו לסרסר אחוזה! כלומר לסרסר, תאר לעצמך, הצליחו אחרים; באשר כשזה הגיע לחלוקת הרח"ש[1], הסתבר מסתמא שה'דרייער' הראשי היה פה לא "שלום־שכנא הסתובב־נא", אלא דראבקין, יהודי סרסור־אחוזות מפלך מינסק, 'דרייער' גדול ונורא, הוא ושני אחיו גם הם

1) רח"ש — בדרך כלל — תשלום לכלי־קודש: רב, חזן שוחט וכו'; כאן — במובן דמי־תיווך.

2) יָדוֹ בְּזִפְרָמָנוֹ — נוסע בהחלט לפסח הביתה.

## איבער א היטעל

**א מעשה לכבוד פסח, דערצעהלט פון א כתריולעווקער אידען, וואס האנדעלט מיט אבריעזקעס און רויכערט דינע פאפירעסלעך, און איבערדערצעהלט טאקי מיט זיין לשון.**

— אלץ הייסט ביי אייך צעטראָגען? אָט איז ביי אונז אין כתרילעווקע, חייסט עס, פאראַן, איהר האָרכט צי ניין, א איד א צעטראָגענער, שלום־שכנא הייסט ער, נאָר רופען רופט מען איהם „שלום־שכנא דרעה זיך", טאקי איבער זיין צעטראָגענקייט, — איז דאָס א צעטראָגענע בריאה, איז דאָס א צעטראָגענער מלאך, זאָל זיך דער אויבערשטער 'שומר ומרחם זיין! וועה־וועה, וואָס מע דערצעהלט זיך אָן ביי אונז וועגען דעם שלום־שכנא'ן מעשיות מיט אנעקדאָטען — פעק, זאָג איך אייך, גאַנצע פעק! איין עבירה, וואָס איהר האַפּט זיך, ס'איז ערב פסח. ווייטער וואָלט איך אייך, פאַני שלום־עליכם, נעגעבען שטאָף, איהר האָרכט צי ניין, וואָלט איהר געהאַט דערנאָך צו שרייבען און צו שרייבען. איין מעשה, אויב איהר ווילט, קאָן איך אייך דערצעהלען, וואָס מיט דעם שלום־שכנא האָט זיך פאַרלאָפען ערב פסח; ס'איז א מעשה מיט א היטעל, און נישט קיין אויסגעטראכטע מעשה, נאָר איין אמת'ע, א ראַיעלע מעשה, האָטש זעהן זעהט זי אויס ווי איין אנעקדאָט.

אזוי האָט אָנגעהויבען א כתרילעווקער איד א סוחר, וואָס האַנדעלט מיט „אָבריעזקעס" (שטיקלעך פאַפּיער), גלעט זיך דאָס בערדעל אַרונטער, אין האַלז אריין, און רויכערט דינע פאַפּירעסלעך, א פאַפּירעסעל נאָך א פאַפּירעסעל.

איך מוז מודה זיין אָבער, אז די ראַיעלע מעשה, וואָס דער דאָזיגער כתרילעווקער איד האָט מיר דערצעהלט, האָט טאקי דעם אָפּבליק פון איין אנעקדאָט, און איך האָב מיך דעריבער לאַנג נעשלאָגען מיט דער דעה, צי איך זאָל זי אייך איבערגעבען, צי ניין? נאָר צוריק האָב איך מיך בעטראַכט: א כתרילעווקער איד א סוחר, וואָס האַנדעלט מיט אָבריעזקעס, איז ניט שייך צו ליטעראַטור און געהער זיך כלל נישט אָן מיט קיין ספרים, לכן, אז ער זאָגט ס'איז ראַיעל, איז ער בעגלויבט; און איך גיב אייך איבער די דאָזיגע מעשה מיט זיין לשון נופא, נישט צוגעלעגט מיינס א וואָרט אפילו.

* * *

— אליין איז ער, אָט דער שלום־שכנא הייסט עס, וואָס איך דערצעהל אייך, אז מע רופט איהם ביי אונז אין כתרילעווקע „שלום־שכנא דרעה זיך", א איד א מעקלער, איהר האָרכט צי ניין, וואָס דרעהט זיך ארום פריצים, מעקלערט זיי אימעניעס! אימעניעס! מאַהלט אייך, עס רעדט זיך נאָר אזוי **אימעניעס**. קיין סך אימעניעס האָט מען עפּיס נישט געהאָרכט, אז שלום־שכנא זאָל אויסמעקלערען. וואָס איז שייך? גאָרנישט. א איד רייבט זיך ארום פריצים, וואָס האָבען אימעניעס, רעדט ער אלע מאָל פון „פאָלוואַרקעס", פון „לעוואַדעס", „בורינקעס", „טשאָרנאָזיאָם", „דרעשמאַשינען", „רעמאָנענטען", „וועלדער", „נעהילץ", און נאָך אזעלכע זאַכען, וואָס האָבען א שייכות צו אימעניעס.

האָט זיך גאָט ארומגעקוקט אויף אונזער שלום־שכנא'ן, איהר האָרכט צי ניין, — דאָס ערשטע מאָל זינט ער איז א מעקלער פון אימעניעס, ס'איז איהם אָפּגעראָטען, ער האָט אויסגעמעקלערט א אימעניע! דאָס הייסט, אויסמעקלערען, מאַהלט אייך, האָבען אויסגעמעקלערט אנדערע; וואָרום אז ס'איז געקומען צום טיילען זיך מיט'ן רח"ש, לאָזט זיך אויס מסתמא, אז דער גאַנצער דרעהער איז דאָ געוועזען ניט שלום־שכנא דרעה זיך, נאָר דראַבקין, א איד א מעקלער פון אימעניעס פון מינסקער גובערניע, א גרויסער, א

מה לי "כפתור"? מי לי פורישקביץ׳? האם אין הוא משלם בעד הכרטיס שלו ממש כמו פורישקביץ׳? האם זה אמנם מן היושר שכל מעט העולם־הזה יפול בחלקו של אחד, ולשני — לא כלום?... זה ישן שינה עריבה כל־כך, למה לא ישעין גם הוא את ראשו ולוא לרגע? הלא האדם אינו יותר מאדם, שני לילות בלי שינה! לוקח הוא, שלום־שכנא כלומר, ומתיישב לו על קצה־הספסל, ומשעין ראשו, לא בשביל לישון חלילה, אלא סתם כך, לחטוף תנומה קלה. אבל נזכר הוא, שהוא נוסע לפסח הביתה, ומחר כבר ערב־פסח, שמא, חלילה, יירדם ממש ויאחר את הרכבת?!... אבל הלא הוא יהודי, אתה מקשיב או לא, ׳נופל׳ הוא על עצה, שלום־שכנא כלומר, מחפש ומוצא את שומר־התחנה, גוי מוּכּר, יאַרֶמַה שמו, וגומר אתו ׳געשעפט׳ שכזה: היות ומאחר שהוא, שלום־שכנא כלומר, ישעין ראשו פה, על קצה הספסל, איפה שהאדון שוכב, והיות שהוא, שלום־שכנא כלומר, כבר הלילה השלישי שלא עצם עין, פוחד הוא שמא חלילה־וחס יאחר את הרכבת, על־כן שהוא, יאַרֶמַה כלומר, למען־השם, יעיר אותו, את שלום־שכנא כלומר, אם יישן, באשר מחר בערב יש לנו חג, פסח — "פאַסקאַ", מסביר הוא לו בגויית, ותוקע בידו מטבע, חוזר ואומר לו שוב: "פאסקא, יאַרֶמַה, ׳טשִי טִי פוֹנִימאַיֶיש׳ — — אתה מבין ראש גוי, ׳נאַשָה פאַסקאַ׳ — פסח שלנו!" — לוקח הגוי מן הסתם, אתה מקשיב או לא, את המטבע, משלשל לכיסו, ומבטיח לו שרשאי הוא להיות שָקט, ברגע שתהיה רק הודעה על הרכבת, מיד יעיר אותו. והוא קם, שלום־שכנא כלומר, ומתיישב לו, תחילה על צידו האחד, אחר־כך לגמרי; את המזוודונת, כדי שלא ׳ילקחנו׳ אותה, סומך הוא אליו, ואת עצמו סומך הוא גם כן, וכל המרבה הרי זה משובח, עוצם חצי־עין, בכוונה, כמובן, לחטוף רק תנומה קלה, לא יותר. אחר־כך אוסף הוא רגל אחת, עוד רגל, — וכך לאט לאט נרדם לו. אבל כיצד, חושב אתה נרדם? "על אמת"! כמו שאלוהים ציווה: ראשו הפשיל לאחור, כובעו שמט מראשו ארצה, ושלום־שכנא שלי, אתה מקשיב או לא, נוחר במלוא הקיטור — יצור חי, שני לילות לא ישן, מה הפלא?

משנרדם, — כך מספר הוא עצמו, שלום־שכנא כלומר, — נחלם לו חלום משונה, תסבוכת שלמה: כי הוא נוסע, אתה מקשיב או לא, אמנם הביתה לפסח, אלא מה? לא ברכבת, אלא בעגלתו של גוי, עם ערל מוּכּר, אִיבאַן זלוֹדֵיי שמו של הערל; הסוסים זוחלים, משתרכים, בקושי גוררים רגליהם. שלום־שכנא בצרות, דוחק בערל בגבו: "שוֹב טוֹבִּי חוואַרוֹבֶה — קדחת בעצמותיך, אִיבאַנוֹ ׳סֶרצֶה׳, כמה שאתה זוחל! שכחת איבאן זלוֹדֵיי, שֶ־אוֹט־



נישט שלעכט?" — אזוי טראַכט ער זיך, שלום־שכנא הייסט עס, און שלאָגט זיך מיט דער דעה: צי זאָל ער זיך זעצן אָט דאָ, נעבן דאָזיגן קנעפּעל, צי זאָל ער זיך בעסער האַלטן פון דערוויי־טען? אַ קשיא אויף אַ מעשה, היינטיגע צייטן — מי יודע, וואָס פאַר אַ קנעפּעל, וואָס פאַר איין אָרון בפקרך דאָס איז? נוּט, ווען ס׳איז נאָר אַ פּריסטאַוו. וואָס וועט אָבער זיין, אַז דאָס איז אַ איספּראַווניק? אָדער אַ זעמסקי נאַטשאַלניק? אָדער גאָר אַ הע־כערער פּריץ? אָדער אפשר איז דאָס גאָר פּורישקעוויטש, ימח שמו וזכרו מלהזכירו?... לאָז ער שוין איבערגעהן אויף אַנדערע

הענט! — און עס ווערד איהם אַזש קאַלט, שלום־שכנא׳ן הייסט עס, פון אַזאַ געדאַנק... נאָר צוריק אָבער טהוט ער זיך אַ קלער, איהר האָרכט צי ניין: ווער מיר קנעפּעל? וואָס מיר פּורישקעוויטש? צאָהלט ער דען ניט פאַר זיין בילעט גלייך מיט פּורישקעוויטש׳ען? צי איז דאָס טאַקי אַ יושר, אַז דאָס גאַנצע ביסעל עולם־הזה זאָל אַריינפאַלען צו איינעם, און דעם אַנדערען גאָרניט?... יענער פאָפט אַזוי געשמאַק, פאַר וואָס זאָל ער זיך נישט צושפּאַרען האָטש אויף אַ ווייל? מען איז דאָך נישט מעהר ווי אַ מענטש, צוויי נעכט ניט געשלאָפען! נעמט ער, שלום־שכנא הייסט עס, און זעצט זיך אַוועק אויף איין עק באַנק און שפּאַרט אָן דעם קאָפּ, נישט אויף צו שלאָפען, חלילה, נאָר גלאַט אַזוי, חאַפּען אַ דרימעל. דער־מאָנט ער זיך אָבער, אַז ער פאָהרט אויף פּסח אַהיים, און מאָרגען איז שוין ערב פּסח, טאָמער, חלילה, ווערד ער טאַקי אַנשלאָפען און פאַרשפּעטיגט דעם פּאָיעזד?!... איז מען דאָך אָבער אַ איד, איהר האָרכט צי ניין, פאַלט ער אויף איין עצה, שלום־שכנא הייסט עס, און זוכט אויס דעם סטאָרָאָזש פון סטאַנציע, אַ באַקאַנטער גוי, יאַרעמע הייסט ער, און מאַכט אָפּ מיט איהם אַזאַ געשעפט: היות אַזוי ווי ער, שלום־שכנא הייסט עס, וועט זיך צושפּאַרען אַ ביסעל אָט דאָ אויף איין עק באַנק, וואו דער אָדון ליגט, און היות אַזוי ווי ער, שלום־שכנא הייסט עס, שוין די דריטע נאַכט, אַז ער

האָט קיין אויג נישט צוגעמאַכט, האָט ער מורא. ער זאָל, חלילה וחס, נישט פאַרשפּעטיגען דעם פּאָיעזד, על כן זאָל ער, יאַרעמע הייסט עס, למען השם, טאָמער שלאָפט ער, איהם אויפוועקען, שלום־שכנא׳ן הייסט עס, ווארום מאָרגען אויף דער נאַכט האָבען מיר יום־טוב, פּסח — „פּאַסקאַ", גיט ער איהם צו פאַרשטעהן אויף גויעש און רוקט איהם אַריין אין יד אַריין, און זאָגט צו איהם נאָך אַמאָל: „פּאַסקאַ, יאַרעמע, טשי טי פּאָנימאַיעש, גויעשער קאָפּ, נאַשאַ פּאַסקאַ!" — נעמט דער גוי צו מסתמא, איהר האָרכט צי ניין, די מטבע, לעגט אַריין אין קעשעני און זאָגט איהם צו, אַז ער מעג זיין רוהיג, וויבאַלד נאָר ס׳וועט זיין אַ פּאָוויעסטקע אויפ׳ן פּאָיעזד, אַזוי וועקט ער איהם אויף. און ער נעמט, שלום־שכנא הייסט עס, און זעצט זיך צו, פריהער מיט אַ זייט, דערנאָך אינ־גאַנצען; דאָס טשעמאָדאַנדעל, מע זאָל עס ניט אַוועק׳לקח׳נען, מאָסטעט ער איין נעבען זיך, און אַליין מאָסטעט ער זיך אויך איין, וואָס ווייטער אַלץ בעסער און העכער, מאַכט־צו אַ האַלב אויג, מיט דער דעה, געוויינטליך, ער זאָל נאָר חאַפּען אַ דרימעל, נישט מעהר. דערנאָך בויגט ער אונטער איין פוס, נאָך אַ פוס, — אין איז אָט אַזוי פּאַוואָלינקע אַנשלאָפען געוואָרען. אָבער ווי אַזוי, מיינט איהר, אַנ־שלאָפען געוואָרען? ראַיעל! ווי גאָט האָט געבאָטען: דעם קאָפּ פאַרוואָרפען, דאָס היטעל האָט זיך אַראָפּגערוקט פון קאָפּ אויף דער ערד, און מיין שלום־שכנא, איהר האָרכט צי ניין, חראָפּעט אויף וואָס די וועלט שטעהט — אַ לעבעדיגער מענטש, צוויי נעכט ניט געשלאָפען, וואָס פאַר אַ וואונדער?

אַנשלאָפען געוואָרען, — אַזוי דערצעהלט ער אַליין, שלום־שכנא הייסט עס, — חלום׳ט זיך איהם אַ מאָדנער חלום, אַ גאַנץ פאַרפּלאָנטעניש: אַז ער פאָהרט, איהר האָרכט צי ניין, אַהיים טאַקי אויף פּסח, נאָר וואָס דען? נישט מיט דער באַהן, מיט אַ גויעשער פוהר פאָהרט ער, מיט אַ באַקאַנטען ערל, איוואַן זלאָדיי רופט מען דעם ערל; די פערדלעך שלעפּען זיך, קוים־קוים וואָס

אוֹט יש לנו פסח, ׳פּאַסקאַ נאַשאַ יֶיבּרֵייסקאַ׳ ?״[5], פעם ופעמיים ושלוש. הערל, כמובן, שותק לו ושותק, אחר־כך, מה אם אין הוא מצליף בסוסים, אבל במרץ, אתה מקשיב או לא, והסוסים פורצים קדימה, ונושאים את העגלה, כמו שדים, מטה־מעלה, במורד, במעלֶה, פִּי־פוּ־פָּא! כדי כך ששלום־שכנא איבד את הכובע; עוד רגע ומתפזרות עצמותיו. ״אִיבאַנוֹ ׳סֶרצֶה׳, דֶרזִ׳י קוֹנִי״ — עצור את הסוסים כלומר, — צועק שלום־שכנא אל הערל, ותופש בשתי ידיו בראשו ומקונן שאיבד את הכובע. כיצד יוּכל להיכנס העירה בלי כובע? אבל צַעַק היום, צְעַק מחר, — הערל מאיץ בסוסים, והסוסים דוהרים. ולפתע — סטוֹפּ! — נעצרו, ודווקא בלב השדה, אתה מקשיב או לא, נעצרו להם. מה קרה? לא כלום. ״קום — אומר לו הערל — קום, הגיע הזמן״. מה זמן? מי זמן? לא מבין שלום־שכנא, מתעורר, משפשף את עיניו ורוצה ללכת, אולם חש הוא, שהוא בלי כובע. המשמעות, שהחלום אינו חלום; איך, אם כן, הגיע לכאן? אבל לא ארך הרבה, — שלום־שכנא, אתה מקשיב או לא, חזר לעצמו, הכיר את הערל, זה כלל לא אִיבאַן זלוֹדֵיי, זה יאַרֶמָה השומר בכלל! נזכר הוא, שהוא בזלוֹדֶייֶבקָה, בתחנת־הרכבת, ושהוא נוסע לפסח הביתה, ושעליו עוד לרוץ לקופה לקנות כרטיס, אבל מה? אין כובע. המזוודונת כאן, הכובע איננו! הוא מגשש סביבו בידיו, מגשש ומגשש וממשש כובע, לא כובע שלו — מי? מה? כובעו של ״אדון בְּפָקְדֶךְ״, עם החֶבֶק האדום והתג, אתה מקשיב או לא, ו־׳פּאַשוֹל׳, ישר לקופה, לקנות כרטיס כלומר. וליד הקופה דוחק, ראש על ראש! חושש הוא, שלום־שכנא כלומר, שמא יימכרו חלילה כל הכרטיסים, נדחק הוא עם המזוודונת בין ה׳עוילם׳. למראה החֶבֶק האדום, והתג, — מפַנים לו את הדרך. ״וֹאַם קוּדאַ, וַאשֶה בלאַגוֹרוֹדיֶה?״ — לאן, כלומר, הוד מעלתו? שואל אותו הקופאי. משתומם שלום־שכנא: איזה מין ׳בלאַגוֹרוֹדיֶה׳ לפתע פתאום? וקצת חורה לו: למאי יצחק לו גוי על יהודי? אומר הוא לו, שלום־שכנא לקופאי כלומר, שלכתריליבקֶה. שב ושואל אותו הקופאי, ואינו גורע עיניו מן החֶבֶק והתג: ״איזו מחלקה ׳וַאשֶה בלאַגוֹרוֹדיֶה׳?״ חורה לו עוד יותר כמובן, ומתחשק לו ׳לשטוף׳ את הקופאי, אבל ׳על אמת׳, כנראה וכיאה, שהגוי לא יהיה לו טבע לצחוק על יהודי. אבל שָב הוא ושוקל: ״יהודי הוא בגלות, אתה מקשיב או לא, אֶט, מוטב שאוותר!״. ומבקש הוא לתת לו כרטיס מחלקה שלישית. משתומם הקופאי ושואל שנית, איזו מחלקה? מתרגז כבר מן הסתם

5) פאסקה נאשא יברייסקא, — (אוקראינית) הפסח היהודי שלנו.



**שלום־שכנא כהוגן, ואמר לו ״ברחל בתך הקטנה״: שלישית! מתיישב בדעתו הקופאי: שלישית אז שלישית...**

**הקיציר, משקיבל את הכרטיס, חטף הוא, שלום־שכנא כלומר, את המזוודונת, ורץ בהול ללב הדחק — המוֹנֵי יהודים, ולהבדיל גויים — מחפש את קרון המחלקה השלישית. ה׳עוילם׳, בראותם את החָבֶק עם התג, מתפזרים מן הסתם בדרך־ארץ, מפַנים מַעֲבָר לאדון. שלום־שכנא מתפלא אמנם, אבל ממשיך בדרכו, ופוגש בכרטיסן, היוצא מקרון עם פנס בידו. ״זדְרַייס טרָסִי**

**ווי פלאַנטען די פיס.** שלום־שכנא איז איך איינע צרות, טאַרעט רעם ערל פון הינטען אין פלייצע: „שאַב טובי חוואַראַבע, איוואַנו סערדצע, ווי דו שלעפסט זיך! האָסט פארנעסען, איוואַן זלאָדי, אַז אַט־אַט האָבען מיר פסח, פּאַסקאַ נאַשאַ יעווריייסקאַ?״ איין מאָל און צוויי מאָל און דריי מאָל. דער ערל, פאַרשטעהט זיך, האָט געשווינגען־געשוויגען, דערנאָך אַז ער טהוט ניט אַ שמייס די פערדלעך, אָבער געשמאַק, איהר האָרכט צי ניין, און די פערדלעך טהוען אַ טראָג דעם וואָגען, ווי די רוחות, באַרג־אַראָפּ, באַרג־אַרויף, פּי־פּאָ־פּאו! שלום־שכנא האָט אוש דאָס היטעל פאַרלוירען; נאָך אַ מינוט — און ער ווערד צעשאָטען. „איוואַנו סערדצע, דערזשי קאָני!״ — האַלט די פערד, הייסט עס, — שרייט שלום־שכנא צום ערל און חאַפּט זיך מיטביידע הענד ביי'ם קאָפּ און קלאָגט זיך, אַז ער האָט פאַרלוירען דאָס היטעל. ווי קאָן ער אַריינפאָהרען אין שטאָדט אָהן אַ היטעל? נאָר שריי היינט, שריי מאָרגען, — דער ערל טרייבט די פערדלעך, און די פערדלעך טראָגען. נאָר פּלוצים — טפּררררו! — מען איז שטעהן געבליבען, און דוקא אין מיטען פעלד, איהר האָרכט צי ניין, איז מען שטעהן געבליבען. וואָס איז געשעהן? גאָרניט. „שטעה אויף — זאָגט צו איהם דער ערל — שטעה אויף, שוין צייט״. וואָס צייט? ווער צייט? פאַרשטעהט נישט שלום־שכנא. חאַפּט ער זיך אויף, רייבט זיך די אויגען און וויל זיך לאָזען געהן, פיהלט ער אָבער, אַז ער איז אָהן אַ היטעל. די משמעות, אַז דער חלום איז ניט קיין חלום; ווי־זשע קומט ער אָהער? עס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט, שלום־שכנא, איהר האָרכט צי ניין, איז געקומען צו זיך, דערקענט דעם ערל, אַז ס'איז גאָרניט איוואַן זלאָדי, ס'איז גאָר יאַרעמע דער סטאָראָזש! דערמאָנט ער זיך, אַז ער איז אין זלאָדיעווקע אויף דער סטאַנציע, און אַז ער פאָהרט אויף פסח אַהיים, און אַז ער דאַרף נאָך לויפען צו דער קאַססע נאָך אַ בילעט. נאָר וואָס דענן? נישטאָ קיין היטעל. דאָס טשעמאָדאַנדעל איז דאָ, און דאָס היטעל ניט! וואו קאָן זיין דאָס היטעל? ער שאַרט אַרום זיך מיט די הענט, שאַרט און שאַרט און טאַפּט אָן אַ היטעל, ניט זיין היטעל — ווער? וואָס? — דעם אָדון כּפקדך'ס היטעל מיט'ן רויטען אָקאָלעשאָק און מיט דער קאָקאַרדע, איהר האָרכט צי ניין, און פּאַשאָל גלייך צו דער קאַססע, נאָך אַ בילעט הייסט עס. און ביי דער קאַססע איז איין ענגשאַפט, קאָפּ אויף קאָפּ! האָט ער מורא, שלום־שכנא הייסט עס, טאָמער, חלילה, קויפט מען אויס אַלע בילעטען, שטופּט ער זיך מיט'ן טשעמאָדאַנדעל צווישען עולם. דערזעהען אַ רויטען אָקאָלעשאָק מיט אַ קאָקאַרדע, טרעט מען איהם אָפּ דעם וועג. „וואָס קאודאַ, וואשע בלאַגאָראָדיע?״ — פרעגט ביי איהם דער קאַססיר. חדוש'ט זיך שלום־שכנא: וואָס פאַר אַ בלאַגאָראָדיע אין מיטען דרינען? און אַ ביסעל פאַרדריסט עס איהם: למאי זאָל אַ גוי לאַכען פון אַ אידען? זאָגט ער איהם, שלום־שכנא צום קאַססיר, הייסט עס, אַז קיין כתרילעווקע. פרעגט איהם איבער דער קאַססיר נאָך אַ מאָל און קוקט איהם גלייך אויפ'ן אָקאָלעשאָק און אויף דער קאָקאַרדע: „וואָסער קלאַס, וואשע בלאַגאָראָדיע?״ פאַרדריסט עס איהם נאָך מעהר, נעוויינטליך, און עס ווילט זיך איהם אָפּבאָרען דעם קאַססיר, אָבער טאַקי ראַיעל, ווי עס געהער צו זיין, אַ גוי זאָל ניט האָבען קיין טבע אָפּצולאַכען פון אַ אידען. נאָר צוריק איז ער זיך מיישב: „אַ איד איז אין גלות, איהר האָרכט צי ניין, עט, לאָז מיינס איבערגעהן!״ און ער הייסט זיך געבען אַ בילעט דריטע קלאַס. חדוש'ט זיך דער קאַססיר און פרעגט איהם איבער נאָך אַ מאָל, וועלכע קלאַס? ווערד שוין מסתמא שלום־שכנא רעכט אין כעס און זאָגט איהם ברחל בתך הקטנה: דריטע! איז זיך מיישב דער קאַסיר: דריטע, איז דריטע...

הקיצור, באַקומען דעם בילעט, חאַפּט ער, שלום־שכנא הייסט עס, דאָס טשעמאָדאַנדעל און לאָזט זיך הענדום־פּענדום אין דער סאַמע הושטשע, אידען און, להבדיל, גויים, זוכט דעם וואַגאָן דריטע קלאַס. דער עולם, דערזעהען איין אָקאָלעשאָק מיט אַ קאָקאַרדע, צעגעהט זיך מסתמא מיט דרך־ארץ, מאַכט דעם אָדון אַ וועג. שלום־שכנא וואונדערט זיך אפילו, נאָר ער געהט ווייטער און באַגעגענט פון וואַגאָן אַרויס אַ קאָנדוקטאָר מיט אַ לאַנטערען:

קלאָס" — היינו, כאן מחלקה שלישית? — שואל אותו שלום־שכנא, ומציג כבר רגל, ודוחק מזוודתו לפניו. "זדיִיס, ואַשֶה בלאַהורודיָה"! עונה לו הכרטיסן ואינו מניח לו להתקדם. — "זה דחוס, אומר הוא לו, 'ואַשֶה בלאַהורודיָה', מלא עד אפס מקום, לא תשחיל מחט!". והוא לוקח מידו של שכנא את המזוודנת, אתה מקשיב או לא: "יבוא נא אתי, 'ואַשֶה בלאַהורודיָה', ואתן לו מקום". "איזה מין פגע? — חושב הוא לו, שלום־שכנא כלומר, — 'ואַשֶה בלאַהורודיָה', ר־'ואַשֶה בלאַהורודיָה'!" וראשו נתון בכלל למזוודנת, חושש הוא שמא מן ה'ואַשֶה בלאַהורודיָה' ישאר בינתיים, אתה מקשיב או לא, בלי מזוודה; והוא רץ אחרי הכרטיסן עם הפנס, והכרטיסן עם הפנס מכניסו לקרון המחלקה השנייה, אבל קרון המחלקה השנייה גם כן מלא עד אפס מקום, ראש על ראש, אין להשחיל מחט. "נלך הלאה, 'ואַשֶה בלאַהורודיָה'!" — אומר לו הכרטיסן, תופס שוב במזוודה, ופונה וממשיך ללכת, ושלום־שכנא — אחריו. "לאן הוא מוביל אותי?" — חושב שלום־שכנא, ושובר לעצמו את הראש על ה'ואַשֶה בלאַהורודיָה', ואינו גורע עין בשעת מעשה מן המזוודה, — זה קודם אצלו. והנה הם כבר בקרון המחלקה הראשונה! פה מניח הכרטיסן את המזוודה, מצדיע, קד קידה לעבר שלום־שכנא, שלום־שכנא לעברו, והוא, שלום־שכנא כלומר, נשאר לבדו.

משנשאר יחידי בכל הקרון, מתחיל שלום־שכנא להתבונן סביבו, אתה מקשיב או לא, איפה הוא בעולם; אין הוא מבין מה זה, לפתע פתאום, כבוד שכזה: קרון המחלקה הראשונה... הצדעה... 'ואַשֶה בלאַהורודיָה'!... האם אין זה משום שביצע 'געשעפט' שכזה, סירסר אחוזה?... אילו זכה בכבוד מאנשי־שלומנו, מיהודים כלומר, ניתן היה עוד להבין. אבל גויים! הקופאי! הכרטיסן! האין כל זה חלום!... ושלום־שכנא, אתה מקשיב או לא, חוכך בידו את מצחו, מציץ אגב הילוך על עצמו בראי — גנשמתו פורחת! הוא ראה, אתה מקשיב או לא, את "אדון בפָקְדֶךָ""! הוא הכיר אותו! "מה שנחלם לי בלילה הזה ובלילה שעבר וכל השנה כולה, שיישפך על ראשו של יאַרֶמָה, ועל ידיו ורגליו!

לָמה שערל מסוגל! חוזרים ואומרים לו עשרים פעם, ומשלמים לו, שיעיר לרכבת אותי, את שלום־שכנא, הולך הוא, חולירע בעצמותיו, ומעיר את ה"אדון בפָקְדֶךָ", ואת שלום־שכנא משאיר שוכב על הספסל! אוי לראשך, שלום־שכנא, כבר תצטרך כמדומה לעשות השנה את הפסח בזלוֹדֶייבְקָה, לא בבית!"... ובלי לחשוב הרבה, חוטף הוא, שלום־שכנא כלומר, את המזוודנת, אתה מקשיב או לא, וּ־קְפוֹץ מן הקרון החוצה, לרציף, ישר אל הספסל ששלום־שכנא שוכב שם, להעיר את שלום־שכנא, שכן מיד, כהרף עין, יכול, חלילה, הקטר להשמיע צפירה, שיצטפרר לו לשלום־שכנא באבי־אביו של הפסח! וכך הווה: משרק קפץ שלום־שכנא עם המזוודנת החוצה, מיד נשמעה, אתה מקשיב או לא, צפירה ועוד צפירה, והלך משה מרדכי — אמור שלום לקפוטה!..

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— מה היה הלאה, רצונך לדעת? — כך סיים בחיוך היהודי הכתריליבקאי, הסוחר בפסולת־נייר, את סיפור המעשה שלו, והצית סיגריה חדשה דקיקה כמו קש, — מה שהיה הלאה, כבר אינו חשוב. העיקר הוא ש"שלום־שכנא־הסתובב־נא" שלנו, היה לו בגלל פיזור־נפשו פסח עלוב.

„זדיעס טרעטי קלאַס?" — פרעגט איהם שלום־שכנא און שטעלט שוין אוועק אַ פוס, שטופּט דעם טשעמאָדאַן אויף צופריהער. „זדיעס, וואשע בלאַהאָראָדיע!" — ענטפערט איהם דער קאָנדוקטאָר און לאָזט איהם ניט געהן ווייטער. — „ס'איז אָנגעפּאַקט, זאָגט ער איהם, וואשע בלאַהאָראָדיע, פול ווי איין אויג, אַ נאָדעל נישט דורכצוווארפען!" און ער נעמט אוועק ביי שלום־שכנא'ן דאָס טשע־מאָדאַנדעל, איהר האָרכט צי ניין, און זאָגט צו איהם: „קומט מיט מיר, וואשע בלאַהאָראָדיע, וועל איך אייך געבען איין אָרט". „וואָס פאר אַ שלאַק?" — טראַכט ער זיך, שלום־שכנא, הייסט עס. — וואשע בלאַהאָראָדיע און וואשע בלאַהאָראָדיע!" און זיין קאָפּ ליגט איהם נאָר אין טשעמאָדאַנדעל, ער האָט מורא, אַז פון דעם „וואשע בלאַהאָראָדיע" זאָל ער דערוויל נישט בלייבען, איהר האָרכט צי ניין, אָהן אַ טשעמאָדאַנדעל; און ער לויפט נאָך נאָכ'ן קאָנדוקטאָר מיט'ן לאַנטערען, און דער קאָנדוקטאָר מיט'ן לאַנטערען פיהרט איהם אריין אין וואַגאָן צווייטע קלאַס. נאָר דער וואַגאָן צווייטע קלאַס איז אויך פול געפּאַקט, קאָפּ אויף קאָפּ, אַ נאָדעל נישט דורכצוווארפען. „געהען מיר ווייטער, וואשע בלאַהאָראָ־דיע!" — זאָגט צו איהם דער קאָנדוקטאָר, חאַפּט דעם טשעמאָדאַנ־דעל ווידער אַ מאָל און לאָזט זיך געהן ווייטער, און שלום־שכנא נאָך איהם. „וואוהין פיהרט ער מיך?" — טראַכט זיך שלום־שכנא און ברעכט זיך דעם קאָפּ אויפ'ן וואשע בלאַהאָראָדיע און לאָזט ניט אראָפּ קיין אויג בעת מעשה פונ'ם טשעמאָדאַנדעל. — דאָס איז ביי איהם בילכער. און אָט זענען זיי שוין אין וואַגאָן ערשטע קלאַס! דאָ שטעלט אוועק דער קאָנדוקטאָר דאָס טשעמאָדאַנדעל, נעמט זיך פאַרקאָזיראַק, טהוט זיך אַ נייג צו שלום־שכנא'ן, שלום־שכנא צו איהם, און ער, שלום־שכנא, הייסט עס, בלייבט אליין.

געבליבען איינער אליין איבער אַ גאַנצען וואַגאָן, הויבט אָן שלום־שכנא ארומצוקוקען זיך, איהר האָרכט צי ניין, וואו ער איז אין דער וועלט; ער פאַרשטעהט ניט, פאַר וואָס עפּיס פּלוצים אַזאַ כבוד: וואַגאָן ערשטע קלאַס... פאַרקאָזיראַק... וואשע בלאַ־האָראָדיע!... ניט שוין־זשע איז דאָס דערפאַר, וואָס ער האָט דורכ־געשלאָגען אַזאַ געשעפט, געמאַכט אַ אימעניע?... וואָלט ער דעם כבוד געהאַט פון אייגענע, פון אידען הייסט עס, וואָלט נאָך געוועזען צו פאַרשטעהן. אָבער גויים! דער קאַססיר! דער קאָנדוקטאָר! צי איז דאָס נישט אינגאַנצען אַ חלום?... און שלום־שכנא, איהר האָרכט צי ניין, טהוט זיך אַ רייב דעם שטערן, חאַפּט אַ קוק פאַר־ביינגעהענדיג אויף זיך אין שפּיגעל — ס'איז איהם פרחה נשמתו גע־וואָרען! ער האָט דערזעהן, איהר האָרכט צי ניין, דעם אָדון בפקדך! ער האָט איהם דערקענט! „וואָס ס'האָט זיך מיר גע־חלום'ט די נאַכט און יענע נאַכט און אַ גאַנץ יאָהר, זאָל אויסגעהן צו יארעמע'ס קאָפּ און צו זיינע הענט און פיס! איין ערל קאָן! מע זאָגט איהם אָן צוואַנציג מאָל, און מע באַצאָהלט איהם, ער זאָל אויפוועקען צום פּאָיעזד מיך, שלום־שכנא'ן, געהט ער, אַ חלירע איהם אין פּנים, און וועקט אויף דעם אָדון בפקדך, און שלום־שכנא'ן לאָזט ער ליגען אויף דער באַנק! אַ קלאָג איז צו דיין קאָפּ, שלום־שכנא, וועסט שוין, דאַכט זיך, פּסח האַלטען אין זלאָדיעווקע היינטיגס יאָהר, ניט אין דער היים!"... און נישט לאַנג געטראַכט, חאַפּט ער, שלום־שכנא הייסט עס, דאָס טשעמאָדאַנדעל, איהר האָרכט צי ניין, און — פּאָץ פון וואַגאָן ארויס צוריק אויפ'ן וואָקזאַל, גלייך צו דער באַנק, וואו שלום־שכנא ליגט, אויפוועקען שלום־שכנא'ן, וואָרום אָקערשט ווי מע זעהט ניט, קאָן דער לאָקאָמאָטיוו, חלילה, געבען אַ פייף און אָנפּייפען שלום־שכנא'ן אין פּסח אריין! און כך הוה: ווי נאָר שלום־שכנא איז אַרויסגעשפּרונגען מיט'ן טשעמאָדאַנדעל פון וואַגאָן ארויס, אַזוי האָט זיך געלאָזט הערען, איהר האָרכט צי ניין, אַ פייף און נאָך אַ פייף און הלך משה מרדכי — אַ גוטען טאָג מיט דער קאַפּאָטע!

— — — — — — — — — — — — — — —

— וואָס ווייטער איז געווען, ווילט איהר וויסען? — אַזוי האָט דער כתרילעווקער איד, וואָס האַנדעלט מיט אָבריעזקעס, אויסגע־לאָזט זיין ספור המעשה מיט אַ שמייכעלע און פאַררויכערט אַ פרישע פּאַפּירעסעל, דין ווי אַ שטרוי. — וואָס ווייטער איז געווען, דאָס איז שוין ניט וואַזשנע. דער עיקר איז, וואָס אונזער „שלום־שכנא

התענה שני ה׳סדרים׳ אצל איזה יהודי בזולודייבקה. אבל הפסח עוד איכשהו — ה־לאחר הפסח היה הרבה יותר גרוע: ראשית יש לו, לשלום־שכנא כלומר, אישה, אתה מקשיב או לא, — איך אתאר לך אותה? לך יש אישה, לי יש אישה, לכולנו יש נשים, ואנחנו יודעים את הטעם, מה זאת אישה... אני יכול רק לומר לך: היא ׳יידענע׳ ׳על אמת׳, אשתו של שלום־שכנא! היא נפנתה אליו ׳על אמת׳. לא היו לה טענות אליו — לא על שנעדר בחג מן הבית, ולא על החֶבֶק האדום עם התג — לא! כל זאת מָחֲלָה לו בינתיים; על־כך תתחשבן עמו לאחר־מכן. טענה הייתה לה נגדו רק בגלל המברק. ולא כל־כך בגלל המברק, אתה מקשיב או לא, כמו בגלל המלה ״בֶּזופֶרֶמֶנוֹ״ — ״בלא שום תירוץ״: ״איזה שדים ורוחות השיאוהו להעשיר את אוצר המלכות? ׳בֶּזופֶרֶמֶנוֹ יָדוּ פאַסקוּ דומוֹי׳? ובכלל, איך יכול אדם חי לומר ׳בֶּזופֶרֶמֶנוֹ׳?״... לא עזרו לו שום הצטדקויות ושום הסברים. היא ׳קברה׳ אותו כמה שנכנס בו, ולא הייתה לגמרי לא־צודקת: שהרי ציפתה לו כל־כך! אבל... לא כלום. לשם כך היא אישה, כדי ש׳תקבור׳ את בעלה. אך כל זה שטויות כנגד מה שחטף הוא, שלום־שכנא כלומר, מן העיר, מכתריליבקה כלומר. שכן, עוד טרם בואו

של שלום־שכנא, ביום השני של חול־המועד, הביתה, כבר ידעה כל העיר, אתה מקשיב או לא, על המעשה עם יאַרֶמֶה ועם ה״אדון בִּפְקָדֶךָ״ ועם החֶבֶק האדום ועם התג ועם ה״ואַשֶׁה בלאהוֹרוֹדיֶה׳ של הכרטיסן — הכל! אף כי הוא עצמו, שלום־שכנא כלומר, הכחיש הכל בכל, טען שזה ליצים בדו מלבם, ליצים של כתריליבקה, אין להם מה לעשות, חסר להם כאב־ראש כנראה... איחר הוא מן הסיבה, אומר הוא, שסר מן הדרך לראות אחוזה עם יער. אבל מה לי אחוזה? מי לי יער? לא דובים ולא יער! ה׳עוילם׳ התפוצצו מצחוק! הֶראו עליו באצבע! אחדים שאלו אותו: ״איך הרגשת את עצמך, ר׳ שלום־שכנא, בכובע עם החֶבֶק האדום והתג?״ אחדים רצו לדעת אם זה אמנם טוב כל־כך לנסוע במחלקה ראשונה, כמו שאומר העולם?.. ילדים קונדסים — אלה רצו אחריו, להקה שלמה, אתה מקשיב או לא, וצעקו: ״ואַשֶׁה בלאַהוֹרוֹדיֶה! וַאַשֶׁה וִיסוֹקָה[6] בלאַהוֹרוֹדיֶה!! ואַשֶׁה־וִיסוֹקָה בלאַהוֹרוֹדיֶה!!!״...

— אתה משתעשע לך עם כתריליבקה?

דרעה זיך״ האָט איבער זיין צעטראָגענקייט געהאַט אַ ווייסטען פּסח, אויסגעריסען געוואָרען ביידע סדרים ערגיץ ביי אַ אידען אין זלאָדיעווקע. נאָר דער פּסח, ווי דער פּסח — דער נאָך־פּסח איז געווען אַ סך ערגער; ערשטענס, האָט ער, שלום־שכנא הייסט עס, אַ ווייב, איהר האָרכט צי ניין, — ווי זאָל איך אייך זי מעלדען? איהר האָט אַ ווייב, איך האָב אַ ווייב, מיר אַלע האָבען ווייבער און ווייסען דעם טעם, וואָס הייסט אַ ווייב... איך קאָן אייך נאָר זאָגען: אַ ראַיעלע אידינע שלום־שכנא׳ס ווייב! זי האָט זיך אַ נעם געגעבען צו איהם גאַנץ ראַיעל. זי האָט צו איהם נישט געהאַט קיין טענות ניט דערפאַר, וואָס ער איז ניט געקומען אויף יום־טוב אהיים, און נישט פאַר׳ן רויטען אָקאָלעשאָק מיט דער קאָקאַרדע — ניין! דאָס אַלץ איז זי איהם דערווייל מוחל; דערפאַר וועט זי זיך שוין מיט איהם שפּעטער רעכענען; — אַ טענה צו איהם האָט זי געהאַט נאָר פאַר דער דעפּעש. און ניט אַזוי פאַר דער דעפּעש, איהר האָרכט צי ניין, ווי פאַר׳ן וואָרט „בעזופּרע־מעננאָ״. וועלכע נוטע יאָהר האָט איהם געטראָגען, ער זאָל רייך מאַכען קאַזנאַ: „בעזופּרעמעננאָ יעדאו פּאַסקו דאָמאָי״? און בכלל ווי קאָן אַ לעבעדיגער מענטש זאָגען „בעזופּרעמעננאָ״?... עס האָט איהם נישט געהאָלפען קיין שום פאַרענטפערען זיך מיט קיין שום געבען צו פאַרשטעהן. זי האָט איהם באַגראָבען וויפיעל ס׳איז אין איהם אריין, און איז געווען ניט אינגאַנצען אומגערעכט: יענע

האָט אַזוי אַרויסגעקוקט! נאָר... גאָרנישט. דערויף איז זי אַ ווייב, זי זאָל באַגראָבען אַ מאַן. ס׳איז אָבער אַלסדינג בלאָטע קעגען דעם, וואָס ער, שלום־שכנא הייסט עס, האָט געהאַט פון דער שטאָדט, פון כתרילעווקע הייסט עס. וואָרום איידער שלום־שכנא איז נאָך געקומען דעם צווייטען טאָג חול־המועד אהיים, האָט שוין די גאַנצע שטאָדט, איהר האָרכט צי ניין, געוואוסט פון דער מעשה מיט יאַרעמע׳ן און מיט׳ן אָרון בפקדך און מיט׳ן רויטען אָקאָלעשאָק און מיט דער קאָקאַרדע און מיט׳ן קאָנדוקטאָר׳ס וואַשע בלאַהאָראָדיע — אַלסדינג! חאָטש ער אַליין, שלום־שכנא הייסט עס, האָט געלייקענט שטיין און ביין, גע׳טענה׳ט, אַז דאָס האָבען לצים אויסגעטראַכט, כתרילעווקער לצים; ווייל האָבען ניט וואָס צו טהון, עס גערט זיי אַפּ קאָפּוועהטיג, אפנים? פאַרשפּעטיגט האָט ער איבער דעם, זאָגט ער, וואָס ער איז אָפּגעפאָהרען אין אַ זייט אָנקוקען אַ אימעניע מיט אַ וואַלד. נאָר ווער מיר אימעניע? וואָס מיר וואַלד? אַ נעכטינער טאָג! ביי די זייטען האָט מען זיך געהאַלטען! מיט די פינגער האָט מען אויף איהם געטייט! אַנדערע האָבען איהם געפרעגט: „ווי האָט איהר זיך געפיהלט, רב שלום־שכנא, אינ׳ם היטעל מיט׳ן רויטען אָקאָלעשאָק און מיט דער קאָקאַרדע?״ אַנדערע האָבען געוואָלט וויסען, צי ס׳איז טאַקי אַזוי גוט צו פאָהרען ערשטע קלאַס, ווי די וועלט זאָגט?... קינדער־קונדסים — די זענען איהם נאָכגעלאָפען אַ גאַנצע חאַליאַסטרע פון הינטען, איהר האָרכט צי ניין, און געשריגען: „וואַשע בלאַהאָראָדיע! וואַשע וויסאָקאָ בלאַהאָראָדיע!! וואַשע וויסאָקאָ־וויסאָקאָ בלאַהאָראָדיע!!!״

— איהר שפּיעלט זיך מיט כתרילעווקע?

6) וִיסוֹקָה — (רוסית) — שיבוש של ׳וִיסוֹקוֹיֶה׳ — רם, מעין ״ההוד מעלתו הרמה״.